# חנניה, מישאל ועזריה בתוך כּבשן האש

## אַ פּורים־שפּיל

טעקסט איבערגעשריבן פֿון דער פֿאָרשטעלונג
אין באָבאָווער בית־מדרש, ניו־יאָרק, פּורים תּשל״ז

# פֿון דער רעדאַקציע

דער טעקסט ווערט דאָ געגעבן אין דעם איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג. דערבײַ האָבן מיר זיך אָבער באַמיט אָפּצוהיטן ווי ווײַט מעגלעך אַלע מאָרפֿאָלאָגישע און סינטאַקטישע באַזונדערקייטן פֿון דער שפּראַך אין דער פֿאָרשטעלונג, אײַנגעשלאָסן יענע פֿורעמס וואָס זענען נישט בהסכם מיט דער כּלל־שפּראַך. מיר האָבן נישט געביטן דעם מין פֿון די זאַכווערטער און זייער דעקלינאַציע, און אויך נישט יענע פֿאַלן ווו עס הערשט נישט קיין מיטשטימונג צווישן סוביעקט און פּרעדיקאַט. מיר האָבן איבערגעזעצט ס׳רובֿ ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן וואָס ווערן פֿאַרפֿלאָכטן אין טעקסט.

דער סימן [...] באַצייכנט יענע ערטער וואָס מיר האָבן נישט געקענט דעשיפֿרירן.

אין די נאָטן וואָס באַגלייטן די לידער ווערט אָפּגעהיט דער אַרויסרעד פֿון די זינגערס. מיט קײַלעכדיקע קלאַמערן ווערן באַצייכנט די קלאַנגען וואָס דער זינגער גיט צו.

## אַנטייל־נעמער:

נבֿוכדנאצר מיט צוויי וואַכן
הויפּמענטשן/יועצים: שטערן־זעער, באָריס, לי רוי שוואַרצמאַן, אַשפּנז
דניאל, חנניה, מישאל, עזריה
דערציילער
אַ קול

די שפּיל קומט פֿאָר אינעם קיניגלעכן פּאַלאַץ.

## ערשטע סצענע

**דערציילער** [רעדנדיק פֿון הינטערן פֿאָרהאַנג]:
לכּבֿוד פּורים תּשמ״ז, ברשות כּבֿוד קדושת אַדוננו מורנו ורבנו שליט״א, וועלן מיר הײַנט דאָ פֿאָרשטעלן דעם שפּיל: ״חנניה, מישאל ועזריה בתוך כּבֿשן האש״. מיר ווילן בעטן דעם עולם, היות אין דער שפּיל איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן גרויסע כּוחות, זאָל מען זיך פֿאַרהאַלטן רויִק און נישט שטערן. בײַ דער געלעגנהייט, ווילן מיר דאַנקען ר׳ משה אַפּטערגוט, וואָס האָט אָפּגעגעבן צײַט, כּוח און מי פֿאַר דעם שפּיל.
די צײַט איז יעצט סוף זמן פֿון בית־ראשון, ווען מלך יהויקים האָט געפֿירט זײַן מלוכה. ייִדן זענען געזעסן בשלום־ובשלווה אין אָרץ־ישׂראל. אין דער דאָזיקער צײַט אין בבֿל האָט געקעניגט נבֿוכדנאצר מיט אַ גאָר פֿעסטער האַנט. ער האָט אײַנגענומען לאַנד נאָך לאַנד און מלוכה נאָך מלוכה, און יעצט וועלן מיר זען דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אין בבֿל.

# צווייטע סצענע

[מ'הערט אַ טרומפּייטן־שאַל (נאָטן נומ׳ 20); עס קומט אַרײַן נבֿוכדנאצר, צו די קלאַנגען פֿון דעם מאַרש "Hail to the Chief", זעצט זיך אַוועק]

**נבֿוכדנאצר** [נאָטן נומ׳ 1]:

איך בין נבֿוכדנאצר, פֿון בבֿל דער קעניג,
די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר אונטערטעניק.
קיינער קען מיך נישט דערשרעקן,
איך דריי מיט די גאַנצע וועלט ווי אַ שטעקן.

איבעראַל פֿאָלגט מען מײַנע הלכות.
די גאַנצע וועלט האָט פֿאַר מיר דאָס קדחת.
פֿאַר מיר שטייט נישט אין וועג קיין שום מויער, קיין שום וואַנט,
מיט מײַנע סאָלדאַטן נעם איך אײַן יעדעס לאַנד.

אַז איך גיי האַלטן מיט אַ לאַנד אַ מלחמה,
דערלעב איך באַלד אין זיי אַ נקמה.
זיי האָבן באַלד די ריכטיקע מפּלה,
עס בלײַבט נישט איבער קיין שׂריד־ופּליט.

דאָ וועל איך קעניגן אין מײַן פּאַלאַץ, אין מײַן הויז,
קיין מאָל וועט פֿון מיר נישט ווערן אויס.
קיינער דערוואַגט זיך נישט מיט מיר צו קריגן,
ווײַל יעדער איינער ווייסט, אַז מיך קען מען נישט באַזיגן.

מעג זײַן נאַסער, סאַדאַט, גאָרבאַטשאָוו צי ריגן,
בײַ מיר פֿאַלן זיי אַלע ווי די פֿליגן.
איך האָב נישט קיין מורא פֿון קיין מיסילס און קיין דזשעטס,
איך גיב איין בלאָז, אַנטלויפֿן זיי ווי די קעץ.

איך האָב באָמבעס און ראַקעטן,
איך בין שטאַרקער פֿון די כינעזער און פֿון די סאָוויעטן.

פֿאַרשטייט איר אַלע זייער קלאָר,
אַז עס איז אמת און וואָר.

הויפּמענטשן [נאָטן נומ׳ 2]:
אַדוני המלך, דער גרעסטער העלד,
ער קעניגט איבער די גאַנצע וועלט.
עס איז אמת און וואָר,
דו וועסט קעניגן אַלע יאָר.

יעדער איינער איז איבערצײַגט,
פֿאַר דיר ליגט יעדער אײַנגעלייגט,
פֿון אַלע לענדער פֿון דער גאַנצער וועלט,
ווענדט מען זיך צום קעניגס געצעלט.

נבֿוכדנאצר:
דו האָסט געהערט אַ זינגען? [לאַכט], אוי! ביז איך האָב די קלעצער אויסגעלערנט צו זען און צו זינגען. [לאַכט], אוי! ביז איך האָב צוזאַמענגעשטעלט דעם קעניגלעכן כאָר! [לאַכט], כ׳דערמאָן מיך הײַנט, ווען איך בין געגאַנגען צוזאַמענמען דעם כאָר, האָב איך געזוכט פֿאַרשידענע טענער זאָל זײַן, נישט אַלע זאָל זײַן איין טאָן. האָב איך געזוכט אַ ביסל דינערע טענער, אַ ביסל גרעבערע טענער, כ׳האָב נישט געקענט אָבער טרעפֿן קאַ׳ גראָבן טאָן. אַלעס וואָס איז געקומען און האָט זיך געמאָלדן, איז געווען עפּעס אַזעלכע שטילע, דינע קולעכלעך. האָב איך אַרײַנגעלייגט אַן אַנאָנס אין דער קעניגלעכער צײַטונג, אַז איך זוך עפּעס איינעם מיט אַ דיקע שטימע, מיט אַ באַס, אַ דיקע שטימע. איז געקומען מיר דער בחור דאָ, קוקטס אים אָן! פֿרעג איך אים: ״קענסט זינגען?״ זאָגט ער מיר: ״יאָ״. ״האָסטו אַ דיקע שטימע, אַ באַס?״ זאָגט ער: ״יאָ״. זאָג איך: ״לאָמיך הערן, זינג מיר, זאָג מיר, זינג מיר עפּעס אַ טאָן״. זאָגט ער: ״אַ, אַ...״. זאָג איך אים: ״דאָס הייסט אַ דיקער, דיקער טאָן?, לאָמיר הערן עפּעס גרעבערס, עפּעס דיקערס?״ זאָגט ער מיר: ״אַ... אַ... אַ....״. זאָג איך: ״לאָמיר הערן עפּעס גראָבס, עפּעס דיקס, גראָבס״. זאָגט ער מיר: ״דער שלאַק זאָל דיך טרעפֿן, גיי אין דר׳ערד אַרײַן, גראָבער־יונגו!״ דאָס איז מײַן קעניגלעכער כאָר. שוואַרצמאַן, האָסט עפּעס צו זאָגן?

**שוואַרצמאַן** [נאָטן נומ׳ 3]:

צו הערן די רייד איז מיר גערן,
נאָר איין זאַך מוז איך דערקלערן

**נבֿוכדנאצר:**

ער זינגט שוין יאָ.

**שוואַרצמאַן:**

דער קעניג ווייסט דאָס מן־הסתּם,
איך וויל עס נאָר מאַכן אויפֿמערקזאַם.

דײַן קעניגרײַך איז שטאַרק און גרויס
אין די גאַנצע וועלט בלויז.

די גאַנצע וועלט האָט פֿון דיר דאָס קדחת, זיי ווערן נתפּעל,
אָבער נישט די ייִדן אין ארץ־ישׂראל.

מיט אַ באַזונדער לאַנד און אַ באַזונדערע שטאַט,
און דיך האָבן זיי טיף אין באָד.

מיר דאַרפֿן זיך צו זיי אַרײַנמישן
און זיי אין גאַנצן אָפּווישן.

**נבֿוכדנאצר** [נאָטן נומ׳ 4]:

יעצט האָסטו מיך אַרײַנגעלייגט אין אַן אויפֿגערעגטע mood,*
איך האָב געמיינט אַז איך קעניג לעולם־ועד.
דערווײַל זאָגסטו מיר, אַז עס איז דאָ ערגעץ ווו אַ לאַנד, אַ שטאַט,
ווו מען האָט מיך גאָר אין באָד.

איך וועל מיך נעמען מיט אַ משׂא־ומתּן
צוזאַמענעמען אַלע מײַנע סאָלדאַטן
און שוין מאָרגן זיך אָרגאַניזירן,
דאָרט אַהין אַרײַנצומאַרשירן.
[צו די הויפֿמענטשן]: גוט געזאָגט?

* געמיט.

באַריט: מיסטער נבֿוכדנאצראָווסקי, I say*, ניעט קיין ארץ־ישׂראל. ניעט. זיי שיסן אַראָפּ סאָוויעטסקי אַעראָפּלאַנען, זיי באָמבען אויס סאָוויעטסקי טאַנקען, זיי שיסן סאָוויעטסקי מיסילס, און שפּעטער זיי קומען דאָ, ייִדן אימפּעריאַליסטן. זיי מאַכן ישׂראלסקי קאַר־סערוויס. ניעט.

נבֿוכדנאצר: איך האָב שוין לאַנג געוווּסט, אויף די רוסן קען מען זיך נישט פֿאַרלאָזן. אַשפּנז, וואָס זאָגסטו, אַרײַנגיין קיין ארץ־ישׂראל?

אשפּנז: אָדוני המלך

[זינגט; נאָטן נומ׳ 5] דו ווילסט פֿון ארץ־ישׂראל מאַכן אַ תּל,
אָבער דאָס גייט נישט אַזוי שנעל,
דער באַשעפֿער וואָס קוקט פֿון אויבן אַרום,
ער נעמט זיך פֿאַר זיי אָן.

זיי זענען מקריבֿ פֿאַר אים קרבנות,
דער וואָס טשעפּעט מיט זיי איז אַ רחמנות,
און עס איז זייער נישט גוט,
דער קעניג גייט דאָ טון אַ געפֿערלעכן שריט.

דאָס איז שווערע שאַנסן,
די ייִדן צו מאַכן פֿאַרלירן אין גאַנצן,
זייער גאָט איז שטענדיק אויף,
דער וואָס טשעפּעט מיט זיי, האָט נישט קיין גוטן סוף.

ווער געדענקט דען נישט וואָס מיט פּרעה איז געשען?
ער האָט באַקומען מכּות צען.
פֿול מיט מכּות אויפֿן גאַנצן גוף
ביז מע האָט זיי געבאָדן אין ים־סוף.

נבֿוכדנאצר: פּרעה [לאַכט און לאַכט, דערנאָך זינגט זיצנדיק; נאָטן נומ׳ 6]:

דו האָסט שׂכל ווי אַ קו,
צו פּרעה גלײַכסטו מיך צו?

* איך זאָג.

אַ קעניג אַ קליינער,
אַ גראָבער, אַ געמיינער.

די ייִדן האָט ער, הע, הע, הע, אַרויסגעלאָזט בחינם, הע הע.
ס'האָט אים אַ ביסל געקראַצט די פּינים.

ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין שׂכל אין זײַן קאָפּ,
ער האָט געזען אין וואַסער אַ בלוטסטראָפּ.

איז ער געלאָפֿן צו משהן מיט אַ ברוך־הבא,
אוי, גוואַלד, כ'האָב געזען אַ זשאַבע.

דאָס הייסט אַ קעניג וואָס קען פֿירן שלאַכטן,
ער איז דאָך געווען אַ גרויסער פּחדן.

אָבער איך,
דער וואָס טשעפּעט מיט מיר, כאַפּט אים דער רוח.

איך מיט מײַן שטאַרקער אַרמיי,
מיר וועלן זײַן אָקיי.

די ייִדן וועלן בײַ מיר נישט זײַן קיין בעלי־גאוות,
איך וועל זיי אַהערשלעפּן בײַ די פּאות.

און זייערע לאַנגע בערד
וועל איך צובינדן צו די שווענץ פֿון מײַנע פֿערד.

און זיי וועלן זיך נאָכשלעפּן נאָך מײַן קאַרעטע,
און זיי וועלן זיך שאָקלען ווי אַ פֿאַרפֿרוירענע גאַלערעטע.

אויס מזבח, אויס קרבנות,
איך וועל צעברעכן זייער עקשנות.

[אַ טרומפּייט שפּילט דעם Reveille; נאָטן נומ' 7]

[שטייט אויף]:
איך נבֿוכדנאצר, דער קעניג פֿון בבֿל, טו מיט גרויס כּוח און מאַכט פּראָקלאַמירן דאָס אונטערגאַנג און די פֿאַרטיליקונג פֿון דעם פֿאָלק וואָס רופֿט זיך בני־ישׂראל. דאָס פֿאָלק, וואָס רופֿט זיך עם נבֿון־וחכם, זאָל ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט פֿאַר די גאַנצע מענטשהייט. זייער הייליקטום זאָל מען פֿאַרברענען, פֿאַרניכטן. מע זאָל עס נאָר קענען זען אין די מוזעומס פֿון די גאַנצע וועלט. זייערע קערפּער זאָלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַש, און זייערע ביינער זאָלן זיך וואַלגערן איבער די פֿעלדער, איבער די וועלדער.
גייט שוין מאָרדן, הרגענען, שעכטן אַלעס וואָס לעבט דאָרט. איין זאַך, נאָר איין זאַך: די קינדערלעך זייערע, די קליינע, מיט די באַחנטע פּנימלעך, מיט די שיינע פּנימלעך, מיט די קלוגע קעפּעלעך, מיט די געלאָקטע פּאהלעך, זיי זאָלט איר דערווײַל לעבן לאָזן! ברענגט זיי צו מיר. ברענגט זיי אַהער אין מײַן פּאַלאַץ. מיר וועלן שוין וויסן ווי אַזוי אויסצוניצן זייער חכמה, זייער כּוח, כּדי ווײַטער אויפֿצובויען די גרויסע אימפּעריע בבֿל. אָבער די רעשט – גייטס, הרגעטס, רויבטס, שעכטס. יִדיש בלוט זאָל זיך פֿליסן אין די גאַסן, כּדי זיי זאָלן וויסן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מיט נבֿוכדנאצר, דער קעניג פֿון בבֿל.

הויפֿמענטשן [זינגען צוזאַמען; נאָטן נומ' 8]:

מיר גייען אַלע אויף אַ מאָל
אײַננעמען ארץ־ישׂראל.

דאָס טעמפּל חרובֿ צו מאַכן,
און צונעמען אַלע זאַכן.

מיר, די גויים, די ערלים
צונעמען די גאָלדענע כּלים.

אַדוני המלך ווינטשט אונדז צו
יחי המלך, יחי!

# פֿינפֿטע סצענע

**דערציילער:**

די גרויסע חכמים האָבן נישט געוווּסט, ווו אַהין צו לייגן זייערע קעפּ. זיי האָבן געמוזט צוקומען צו דניאלן, ער זאָל זאָגן דעם חלום און דעם פּתרון פֿון דעם חלום פֿאַרן קייסער. יעצט וועלן מיר זען ווידער בײַם קעניג אין פּאַלאַץ.

**נבֿוכדנאצר** [זיצט]:

נו, ס'איז שוין געקומען די צײַט. איך האָב ענק געוואָרנט אַז עך מוזט מיר דערציילן דעם חלום. קענט עך מיר שוין דערציילן דעם חלום?

**שוואַרצמאַן:**

ביידע קענען מיר נישט, אָבער מיר האָבן געפֿונען איינעם פֿון די קינדער וואָס מיר האָבן געברענגט פֿון ירושלים. ער וועט קענען.

**נבֿוכדנאצר:**

ברענגטס אים אַהער! [מע פֿירט אַרײַן דניאל] דו ווילסט מיר זאָגן, אַז אַלע מײַנע גרעסטע חכמים האָבן נישט געקענט אויסגעפֿינען וואָס דער חלום איז געווען און דו גייסט דיך אונטערנעמען אַזאַן זאַך? דו וועסט מיר זאָגן אַז דו האָסט אַזוי פֿיל חכמה, צו וויסן וואָס איז געווען דער חלום? קענסטו זיך אַזאַן זאַך אונטערנעמען?

**דניאל:**

יאָ, אַדוני המלך.

**נבֿוכדנאצר:**

איז זאָג!

**דניאל** [זינגט; נאָטן נומ' 17]:

חכמה בײַ דעם איז אין גאַנצן אומזיסט,\
פֿון חכמה וואָלט איך דאָס נישט געוווּסט,\
אַפֿילו אַלע קלוגע, דער גלח און דער בישאָף\
בײַ דעם פּועלט נישט קיין כּישוף.

אָבער אין הימל איז דאָ אַ גרויסער בורא\
און דער בורא האָט מיר דעם חלום דערקלערט,\
פֿאַר דעם קעניג צו זאָגן דעם חלום אַ מורא,\
אַזוי ווי דער קעניג האָט באַגערט.

דער קעניג האָט געזען אַ פֿאַרכטיק געשטאַלט
שטיין פֿאַר דעם קעניג אַקעגן,
דער קאָפּ פֿון דעם בילד איז געווען פֿון גאָלד,
גאָלד וואָס איז ווערט אַ גרויס פֿאַרמעגן.

און פֿון זילבער זענען די הענט געווען
און די גדערעם פֿון קופּער,
פֿון אײַזן און שאַרבן האָסטו די פֿיס געזען,
הערט צו ווײַטער דעם סיפּור.

דאָס בילד איז געשטאַנען מעכטיק און גרויס,
פּלוצלינג פֿאַלט אַראָפּ אַ שטיין
און דעם גרויסן געשטאַלט האָט דאָס געגעבן אַ שטויס,
דער שטיין איז געפֿאַלן פֿון זיך אַליין.

דאָס גאַנצע בילד איז געוואָרן צעריבן
און אַוועקגעפֿלויגן אַזוי ווי שטרוי,
פֿונעם גאַנצן בילד איז גאָרנישט געבליבן,
דאָס אַלעס האָט דער קעניג געזען אַזוי.

און דער שטיין וואָס איז אַזוי שטאַרק,
וואָס האָט צעשטויסן דאָס בילד,
איז נאָך דעם געוואָרן פֿאַר אַ גרויסן באַרג,
די גאַנצע האַריזאָנט, די גאַנצע, האָט עס אָנגעפֿילט.

**נבֿוכדנאצר:**

גענוי, גענוי, אַזוי ווי איך האָב עס יעצט געזען! געוואַלד! דאָס איז דאָך נישט קיין פּשוטע זאַך, דאָס איז דאָך עפּעס אַ געטלעכע זאַך. גענוי האָסטו דאָס געזאָגט אַזוי ווי עס איז געווען! עפּעס אַ מוראדיקע זאַך, אַזאַן זאַך. ווען איך דיך באַלוינען, דו וועסט זײַן גרעסער פֿון אַלע מײַנע האַרן. אַזוי גענוי נאָכצוזאָגן! אויב אַזוי, אויב מע האָט דיר טאַקע פֿון הימל אַנטפּלעקט אַזאַן מין זאַך, קענסטו מיר אָבער אויכעט זאָגן וואָס איז דער באַדײַט, וואָס איז דער באַדײַט, וואָס איז דער אָפּטײַטש פֿון אַזאַ אויסטערלישער געשטאַלט, פֿון אַזאַ אויסטערלישן חלום? קענסטו דאָס אויך?

דניאל:

יאָ, אַדוני המלך.

נבֿוכדנאצר:

איז זאָג!

דניאל [זינגט; נאָטן נומ׳ 18]:

דער באַשעפֿער פֿון הימל, פֿון אָרעם און רײַך
האָט דעם קעניג געגעבן אַ קעניגרײַך
צו געוועלטיקן אויף די גאַנצע וועלט,
אַפֿילו איבער די חיות פֿון פֿעלד.

דער גאָלדענער קאָפּ – מיינט מען דעם קעניג,
וואָס יעדער איז פֿאַר אים אונטערטעניק.
די זילבער און קופּער, וואָס איז אַ קלענערער ייִחוס,
דאָס מיינט מען נאָך אַנדערע מלוכות.

און נאָך אַ פֿערטע מלכות וועט זיך באַווײַזן,
וואָס וועט זײַן שטאַרק אַזוי ווי אײַזן.
און פֿון די אַלע קעניגרײַכן
וועט נישט בלײַבן קיין צייכן.

דער באַשעפֿער וועט אויפֿשטעלן אַ מלכות אַ נײַעם,
וואָס קיינער וועט דאָס נישט קענען צעשטערן,
ווען משיח וועט אונדז פֿירן קיין ירושלים
און יענץ מלכות וועט זיך קיין מאָל נישט אויפֿהערן.

נבֿוכדנאצר:

אַזוי האָט מען דיר אַנטפּלעקט, אַ? פֿײַן, זייער גוט. איך זע טאַקע, אַז דאָס וואָס עץ קענטס, קען קיינער נישט אויף דער גאַנצער וועלט, און פֿאַר דעם וועל איך דיך זייער באַלוינען. יעצט, [ווײַזט דניאלן ער זאָל אַרויסגיין; רעדט צו זיך] וואָס האָט ער דאָ געזאָגט, וואָס האָט ער דאָ געזאָגט? ער האָט דאָך נישט געזאָגט קיין זאַך וואָס איז אים אַליין אײַנגעפֿאַלן. דאָס האָט ער געזאָגט אַ זאַך, וואָס מע האָט אים אַנטפּלעקט פֿון אויבן. וואָס האָט ער געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז פֿון מײַן קעניגרײַך וועט ווערן אויס, עס וועט גאָרנישט ווערן. אַ נײַ קעניגרײַך וועט קומען. ער האָט דאָך נישט געזאָגט פֿון זיך אַליין, ער

האָט געזאָגט אַ זאַך... נבֿוכדנאצר, נבֿוכדנאצר... דאַרפֿסט זען אַז די זאַך זאָל נישט מקוים ווערן. אָבער ווי אַזוי? לאָמיך זיך דערמאַנען אַ ביסל, וואָס איז געווען דאָרטן אין זייער היים, אין זייער ארץ־ישׂראל, אין זייער ירושלים. וואָס איז געווען דאָרטן? זיי האָבן געהאַט אַ בית־המיקדש, זיי האָבן געדינט זייער באַשעפֿער. זיי זענען געווען אויף אַ לאַנד, זיכער אויפֿן לאַנד, מקריבֿ געווען קרבנות. און וואָס איז געשען, וואָס איז געשען דאָרטן? מיט איין מאָל אַרײַנגעקומען אַן אַרמיי, פֿאַרברענט ירושלים, פֿאַרברענט דאָס בית־המיקדש, נישטאָ מער. פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס? זיי האָבן דאָך אַזאַ גרויסן גאָט! פֿאַר וואָס האָט ער דאָס צוגעלאָזט? נישט אַנדערש, אַז זיי האָבן נישט געפֿאָלגט זייער גרויסן גאָט, זיי האָבן געזינדיקט, זיי האָבן נישט געהערט, צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט זיי באַפֿוילן. וועגן דעם האָט ער זיי באַשטראָפֿט.

און יעצט, אַז איך וועל קענען באַווײַזן אַז זיי זאָלן ווײַטער נישט פֿאָלגן, זיי זאָלן ווײַטער זינדיקן, וועט דאָך די נבֿואה וואָס ער האָט געזאָגט וועט דאָך נישט מקוים ווערן. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען עס? [טראַכט אַ רגע] כ׳האָב שוין אַן עצה! איך גיי בויען אַ גרויסן צלם פֿון גאָלד, אַ גרויסן צלם, כ׳וועל עס מאַכן זעכציק אַמות הויך, און זעקס אַמות ברייט. איך וועל אַהינשטעלן דעם צלם, דאָרטן אין דעם גרויסן טאָל, ווו די גאַנצע באַפֿעלקערונג זאָל קענען קומען זען. און איך גיי נעמען די בעסטע מוזיקאַנטן אין גאַנצן לאַנד, טראָמפּייטן מיט סאַקסאָפֿאָן, טראָמבאָן, פּויקן, אַלעס זאָל קומען שפּילן פֿאַר דעם צלם. און איך וועל אַרויסגעבן אַ געזעץ, אַז יעדער איינער פֿון גאַנצן לאַנד מוז זיך קומען בוקן צו דעם צלם. יעדער איינער! אַפֿילו די ייִדעלעך אויך. און איך וועל אַרויסגעבן אַ גזירה, אַז דער וואָס וועט זיך נישט בוקן צום צלם, זאָל מען פֿאַרברענען. וועלן זיי שוין דאָך נישט האָבן קיין ברירה, זיי וועלן מוזן קומען זיך בוקן צו דעם צלם, און אַזוי וועל איך, נבֿוכדנאצר, מאַכן זיכער, אַז מײַן קעניגרײַך זאָל אויף אייביק בלײַבן. באַדינער! גייט שוין בויען דעם צלם!

# זעקסטע סצענע

**הערצווילער:**
די באַדינער, אויפֿן קעניגלעכבנס[!] באַפֿעל, זענען אַרויסגעגאַנגען, אויפֿגעשטעלט דעם גרויסן צלם און אויסגערופֿן אין גאַנצן שטאָט, אַז אויף אַ באַשטימטן צײַט מוז יעדער קומען בוקן זיך צו דעם צלם. און יעצט אין קעניגלעכבנס פּאַלאַץ. [מ'הערט דעם "מאַרש צה"ל"].

**נבוכדנאצר** [קוקט בלומרשט דורכן פֿענצטער]:
אַלע בוקן זיך, כאַ, כאַ... קוק אַרויס, דאָרט גייט אַן אויסערן־מיניסטער. קומט צו גיין, אַ בוק אײַן. יאָ, אַלע בוקן זיך. איך זע אָבער נאָר נישט די ייִדעלעך. איך זע דאָרט... קומטס נאָר אַרײַן, ווער איז דאָרט אין דרויסן? נו, אַשפּנז, זיי בוקן זיך אַלע, אַ מחיה, אַ!

**שוואַרצמאַן:**
ווי הערלעך און ווי שיין,
אַלע מענטשן זענען געקומען צו גיין,
מלכים וואָס זיצן אויף טראָנען
און מענטשן מיליאָנען.
אַלע זענען געקומען כּבֿוד אָפּגעבן,
און גרויסן דעם קעניג, זאָל לעבן.

**נבֿוכדנאצר:**
אַלע?

**אַשפּנז:**
אָבער אַ פּאָר ייִדעלעך, וואָס דער קעניג האָט געמאַכט פֿאַר האַרן,

זיי האָבן זיך דווקא געמוזט אײַנשפּאַרן,
און צו דײַן צלם ווילן זיי זיך נישט בוקן.
איך האַלט, אַז מע דאַרף זיי אַלע פֿאַרצוקן,
אַרײַנוואַרפֿן אין אַן אויוון און פֿאַרברענען זיי.
דאָס זענען טאַקע די דרײַ: מישך, שדרך און עבֿד־נגו.
אַז מע הייסט זיי בוקן, ענטפֿערן זיי "לא".

**נבֿוכדנאצר:**
זיי ווילן זיך נישט בוקן?

**אַשפּנז:**

לאָ!

**נבֿוכדנאצר:**

ברענג זיי אַרײַן, ברענג זיי שוין אַרײַן! [צו די ייִנגלעך] איז דאָס אמת וואָס זיי זאָגן? עץ ווילט זיך נישט בוקן צום צלם וואָס איך האָב געמאַכט?

**חנניה, מישאל, עזריה** [צוזאַמען]:

יאָ, עס איז אמת און וואָר,
אויפֿן קעניג אַזאַ יאָר.

**נבֿוכדנאצר:**

האָט עץ נישט אויך געהערט די גזירה וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, אַז דער וואָס וועט זיך נישט צוהערן צום קעניגס באַפֿעל, וואָס וועט זיך נישט וועלן בוקן, וועט מען אים הרגענען. ווייסט עץ נישט פֿון דעם?

**חנניה, מישאל, עזריה** [זינגען צוזאַמען; נאָטן נומ׳ 19]:

אמת ואמונה בכל זאת,
אַז אונדזער בורא איז זייער גרויס,
ער איז פֿאַר אונדז געגוג גראַנד,
אונדז צו ראַטעווען פֿון דײַן האַנט.

און אַפֿילו ווען נישט, זענען מיר גרייט
נישט צו פֿאָלגן דײַנע רייד.
דו מעגסט אונדז אין פֿײַער אַרײַנשיקן
און צו דײַן צלם וועלן מיר נישט בוקן.

**נבֿוכדנאצר** [שטייט אויף אויפֿגערעגט]:

וואָס? אַזוי ווילט עץ? גוט, גוט. אַשפּנז, גיי מאָרגן, באַלד אין דער פֿרי, רוף צוזאַמען אַלע אײַנוווינער פֿון דער גאַנצער שטאָט און מאַך אַ קאַלכאויוון, אַ גרויס פֿײַער. און זאָל דער גאַנצער עולם וויסן, וואָס געשעט מיט אַזעלכע יונגע ווידערשפּעניקערס פֿונעם קעניג. אַז איך גיב אַרויס אַ באַפֿעל, זאָל מען וויסן אַז יעדער איינער מוז פֿאָלגן. און דאָרט וועט עץ שוין וויסן, וואָס געשעט מיט אַזעלכע ווידערשפּעניקערס דעם קעניג. נעם זיי אַוועק פֿון דאָ, נעם זיי אַוועק פֿון דאָ!

# זיבעטע סצענע

**דערציילער:**
און אַזוי האָט נבֿוכדנאצר צוזאַמענגערופֿן אין מיטן העלן טאָג. אין די הונדערטער, טויזנטער, מענטשן זענען געקומען זען, ווי מע באַשטראָפֿט די קינדערלעך און די ייִדן וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט בוקן צום צלם. נבֿוכדנאצר האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה און ער האָט נישט געוווּסט, ווו אַהינצוטאָן. געקלערט האָט ער, בעסער איז ווען זיי וועלן נישט אַרײַן, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אומקומען אויף קידוש־השם. און טאָמער זיי קומען אום אויף קידוש־השם, איז דאָס זײַן גרעסטע מפּלה. דאָ האָט ער זיך שוין געשלאָגן אויפֿן גרענעץ פֿון דעם פּתרון, וואָס ער האָט געציטערט, אַז דער פּתרון זאָל נישט מקוים ווערן. יעצט וועלן מיר עפֿענען, וועלן מיר זען ווי די קינדער זיצן פֿעסט באַשלאָסן און זיי וואַרטן אומצוקומען אויף קידוש־השם.
[גלאָקן, און שפּעטער טרומייטן־קלאַנג; נאָטן נומ׳ 20. נבֿוכדנאצר קומט אַרײַן. די קינדער שטייען אויף.]

**נבֿוכדנאצר:**
נו, עך האָט שוין באַשלאָסן וואָס איר גייט טון?

**מישאל:**
יאָ, מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר וועלן זיך נישט בוקן צו דײַן צלם.

**נבֿוכדנאצר** [צו אַשפּנז]:
גיי בינד זיי אויף די שטריק, בינד אויף. [צו די ייִנגלעך] קינדער, קינדער, ווי הייסט עך? חנניה, מישאל, עזריה. עך קענטס דאָך מיך. וויפֿל מענטשן האָב איך שוין געהרגעט? טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן האָב איך שוין געהרגעט. און דאָך, יעצט, ווען איך זע אַזעלכע דרײַ יונגע, שיינע קינדער גיין אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם דאָ אין דעם קאַלכאויוון, כאַפּט מיך אַ ציטער. פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס, קינדער? געדענקטס, געדענקטס וואָס איז געווען בײַ אײַך אין דער היים. אײַערע עלטערן, ענקערע טאַטעס, ענקערע מאַמעס, ענקערע ברידערס, ענקערע שוועסטערס האָט מען פֿאַרברענט. צוליב וואָס? וואָס איז געבליבן פֿון זיי? וואָס איז געבליבן פֿון זיי? אַש! און געבליבן איז אַזעלכע דרײַ עלנטע, יונגע קינדער, גייט עך טון דעם זעלבן נאַרישן שריט? צוליב וואָס? וואָס האָב איך ענק דאָ געהייסן? כ׳האָב ענק געהייסן זיך בוקן, האָט ענק

זיך יאָ געבוקט, האָט ענק זיך נישט געבוקט. לוינט זיך ענק צוליב אַזאַ נאַרישער זאַך, לוינט זיך פֿאַר ענק אָוועקצוגעבן אײַער לעבן? קינדער, עץ זענט דאָך אַזוי יונג, קוים וואָס עץ האָט אָנגעהויבן צו לעבן. איך בעט אײַך, וואַרפֿט אַראָפּ פֿון ענק די קייטן, ווערט איינער פֿון אונדז. קוקטס וואָס ס'טוט זיך, קוקטס וואָס ס'שטייט פֿאַר ענק, אַ ליכטיקע וועלט, אַ גאָלדענע וועלט. איך וועל דאָך ענק גרויס מאַכן, איך וועל ענק מאַכן פֿאַר די גרעסטע האַרן אין גאַנצן לאַנד. קינדער, איך ווייס דאָך וואָס פֿאַר אײַך איז גוט, איך האָב דאָך ענק ליב, איך האָב דאָך ענק אויפֿגעצויגן. איך בעט אײַך, באַרעכנט זיך גוט וועגן דעם דראַסטישן שריט, וואָס איר גייט דאָ טאָן, און זעטס אַז איך זאָל נישט האָבן אַ דורכפֿאַל דורך ענקערע הענט. קינדער, קינדער, איך בעט ענק, טוטס נישט קיין אַזאַ נאַרישע זאַך! איך גיב ענק נאָך אַ פּאָר מינוט, באַטראַכט זיך וואָס איר גייט טון.

**חנניה, מישאל, עזריה** [זינגען צוזאַמען; דאָ און ווײַטער: נאָטן נומ' 21]:

מיר דינען נאָר צו דעם איינעם גאָט,
דאָס איז געווען דער ערשטער געבאָט,
ווען מיר זענען געשטאַנען בײַם באַרג סיני
זײַט דעמאָלט זענען מיר אים געטרײַ.

מיר שרעקן זיך נישט פֿאַר קיין מלך און נישט פֿאַר קיין שר,
נישט פֿאַר קיין סולטאַן און נישט פֿאַר קיין האַר,
אַפֿילו דו וועסט אונדז אין אויוון אַרײַנשיקן,
וועלן מיר זיך נישט צו דײַן צלם בוקן.

**נבֿוכדנאצר:**

אַזוי האָט עץ באַשלאָסן? אַזוי האָט עץ באַשלאָסן?

**עזריה** [זינגט]:

דו האָסט נישט וואָס צו שפּעקולירן,
מיט אונדזער אמונה וועלן מיר שטאָלצירן,
מיר האָבן נישט קיין מורא פֿאַר אונדזער פֿלייש און הויט,
אַזוי האָט שוין פּאַסירט בײַ נמרוד.

**חנניה** [זינגט]:

ער האָט נישט געקענט אײַנרוען
ביז אַבֿרהם וועט פֿאַר זײַן קלאָץ קניִען,

ער האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן און וואָס האָט פּאַסירט,
אין קאַלכאויוון האָט ער שפּאַצירט.

**חנניה, מישאל, עזריה** [זינגען]:

מיר זענען גרייט מיט די גרעסטע הסכּמה
צוריקצוגעבן צום באַשעפֿער אונדז[ער] נשמה,
אַזוי האָט מען געלערנט אין אונדזער היים
זיך מוסר־נפֿש זײַן אויף קידוש־השם.

**נבוכדנאצר:**
גוט, אַזוי ווילט עץ? דאָס וועט זײַן אַ בײַשפּיל פֿאַר יעדן איינעם, צו
וויסן וואָס געשעט פֿאַר איינעם וואָס פֿאָלגט נישט אויס דעם
קעניגס באַפֿעל! אַשפּנז, בינד זיי! [אַשפּנז בינדט זיי.]

**חנניה** [זינגט; נאָטן נומ׳ 22]:

אבינו מלכנו עשה, עשה,
הבט משמים וראה
עשה למען הרוגים על שם קדשיך
והנחם על הרעה לעמיך.

**מישאל** [זינגט]:

אבינו מלכנו עשה, עשה
פֿאַר כּבֿוד־שמים טוט מען אונדז וויי,
מע שעכט אונדז פֿאַר דיר לעשות רצונך,
עשה למען טבוחים על יחודך.

**עזריה** [זינגט]:

אבינו מלכנו עשה למען,
אַז אין קאַלכאויוון וואַרפֿט מען מיך אַרײַן,
עשה למען באי באש על קידוש שמך,
שלח הרון אפך.

**חנניה, מישאל, עזריה** [זינגען צוזאַמען]:

אבינו מלכנו נקום לעינינו,
נקמת־דם פֿון דײַן געטרײַ עם, עם־סגולתך,
דײַנע קינדערס בלוט און פֿלייש פֿאַרברענט מען אין אַש,
נקום נקמת דם עבדיך!

**אַשפּנז:**
קינדער, אײַערע לעבנס זענען געענדיקט אין קאַלכאויוון. דאָס איז
דער באַפֿעל פֿונעם קעניג. אַרײַן!

**חנניה, מישאל, עזריה:**

שמע ישׂראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד.

[זינגען גייענדיק; נאָטן נומ׳ 23.]

**נבֿוכדנאצר:**

[פֿידל שפּילט "אני מאמין" בשעת נבֿוכדנאצר הייבט אָן רעדן; נאָטן נומ׳ 24]:

וואָס טוט זיך דאָרטן, וואָס טוט זיך דאָרטן? ווו איז דאָס פֿײַער, ווו איז דאָס פֿײַער? זיי דרייען זיך דאָך דאָרט אַרום אין דעם פֿײַער! איך האָב דאָך דרײַ קינדער אַרײַנגעוואָרפֿן, ווער איז דער פֿערטער? מוז דאָך דאָס זײַן עפּעס אַ געטלעכע זאַך. דער באַשעפֿער באַשיצט אויף זיי! וואָס טוט זיך דאָ? קומטס אַרויס פֿון פֿײַער! קומטס אַרויס! [קומען אַרויס] אַפֿילו די מלבושים זענען נישט געוואָרן פֿאַרברענט! יאָ, יאָ, ענדלעך בין איך איבערצײַגט געוואָרן אין דעם אמת פֿון זייער געשיכטע. וואַסער האָט זיי נישט געקענט פֿאַרפֿלייצן, קעלט האָט זיי נישט געקענט באַערדיקן, און פֿײַער האָט זיי נישט געקענט פֿאַרברענען. עס מוז זײַן, אַז די אָרעמס פֿון זייער גאָט באַשיצן זיי. איך זע שוין, אַז זיי וועט קיינער קיין מאָל נישט קענען אונטערברענגען. זייערע נצחיות איז לויטער ווי דער טאָג און זייער אמונה שײַנט ווי די זון. גאָט, זײַ מיר מוחל אַ פֿײַער מיט אַ קאַלכאויוון. כ׳האָב מיך איבערגעצײַגט אין דער ריכטיקייט פֿון זייער אמונה.

**חנניה, מישאל, עזריה** [זינגען צוזאַמען; נאָטן נומ׳ 25]:

מיר לויבן דעם בורא מיט כּל־מיני שבֿחים,
הפודנו מיד מלכים.
אבינו שבשמים,
השם נפשנו בחיים.
ולא נתן רגלינו למוט,
דו האָסט געראַטעוועט אַ זיכערן טויט.
אַלע פֿעלקער האָבן דײַן גרויסקייט דערקענט,
ווײַל מיר זענען נישט געוואָרן פֿאַרברענט.

אַלע ווייסן דײַנע גדולות
און וועלן אַזוי בעטן אין די תּפֿילות.
מי שענה לחנניה, מישאל

ועזריה, אַלע מיט אַ מאָל,
דער זאָל אונדז ענטפֿערן עננו
אַקעגנצוגיין משיח צדקנו!
רבינו שבראשינו מיט זמירות ושירים
און אויף אַלע אַ לוסטיקן פּורים!!!



Courtesy: Bill Aron　　מתוך המערכה הרביעית